ד. בנוגע צום רש"י אויף קאפיטל מ"ג פסוק ל' וואס דארטן שטעלט זיך רש"י אויפן פסוק "כי נכמרו רחמיו", און איז מפרש מיט א גאנצע אריכות, וואס האט גורם געווען אז עס זאל זיין "נכמרו רחמיו", אז יוסף האט געפרעגט ביי בנימין וועגן זיינע קינדער, און ער האט געזען ווי ער האט זיי א נאמען געגעבען נאך יוסף, איז דאס האט גע'פועל'ט אז "נכמרו רחמיו".

איז ניט פארשטאנדיק וואס איז דא בכלל שווער צו רש"י דאס וואס "נכמרו רחמיו", דאס איז א פארשטאנדיקע זאך, אז בשעת יוסף האט דערזען בנימין האט דאס גע'פועל'ט אז נכמרו רחמיו, איז ניט פארשטאנדיק וואס דארף דא רש"י קומען מיט א גאנצע פי' מבאר זיין דאס וואס נכמרו רחמיו, דאס איז מעצמו מובן?

נאר דא איז שווער צו רש"י, וויבאלד מען זעט אז איידער עס איז געווען דער "וימהר יוסף", איז געווען דער ענין פון "אלקים יחנך בני", און רש"י איז מבאר מיט א גאנצע אריכות, אז ביי די אנדערע שבטים איז געווען די ברכה פון "יחנך בני", משא"כ אבער ביי בנימין איז ניט געווען די ברכה, דעריבער האט יוסף אים געבענטש איצטער, איז מזה אנו רואים, אז יעמאלט איז יוסף ניט געווען אין א מבלבל'דיקע מצב, און האט געהאלטן חשבון אין דעם ענין, אויב אזוי ווערט ניט פארשטאנדיק איז נאך וואס איז געווען "וימהר יוסף"? מוז מען דעריבער זאגן אז עס איז פארגעקומען א געוויסע ענין צווישן דעם "יחנך בני" און "וימהר", און דאס האט גורם געווען אז "וימהר יוסף" דעריבער שטעלט זיך דא רש"י פארענטפערן אט דעם שווערקייט וואס איז דא פארגעקומען בינתיים.

נאך דעם שטעלט זיך רש"י ווידער אויף "נכמרו רחמיו", און הויבט אן טייטשען וואס איז דער פי' פון נכמרו, און ברענגט אויף דעם כמה ראיות,

וואס דא שטעלט זיך גלייך דעם קלאץ קשיא:

א) פארוואס האט רש"י איינגעשטעלט אט די צוויי מימרות מיט אזא סדר, דלכאו' האט דער סדר געדארפט זיין גאר פארקערט, ערשט האט רש"י געדארפט מבאר זיין דעם טייטש פון נכמרו, און נאך דעם וואס מען ווייסט דעם אפטייטש, יעמאלט קאן מען זיך שטעלן פרעגען וואס איז געווען דער גורם אז עס זאל פארקומען אזא ענין, אבער עס האט קיין ארט ניט ערשט דערציילן וואס האט גורם געווען דעם נכמרו, און ערשט נאך דעם דערציילן וואס איז די טייטש אויף דעםווארט, עס איז דאך איפכא מסתברא?

ב) דערנאך דארף מען פארשטיין אין דעם ערשטן רש"י, לאחר וואס רש"י רעכנט אויס די אלע צעהן נעמען פון בנימין'ס קינדער, פירט ער אויס כדאיתא בסוטה, וואס עס איז ניט פארשטאנדיק דאס וואס ער דארף צוצייכנען אז דאס איז גענומען געווארן פון סוטה, מילא דאס וואס בכלל ער שרייבט צו אז דאס איז גענומען געווארן פון א געוויסן ארט, איז פארשטאנדיק, ווארום בהיות אז דעם גאנצן אריכות איז ניט קיין פון פשש"מ, ווארום מען זעט דאס ניט בגלוי אין פסוק אט דעם גאנצן פארקומעניש, נאר אז מען האט א הכרח פון דעם וואס נאך "יחנך בני" שטייט "וימהר יוסף", מוז מען זאגן אז עס איז פארגעקומען א געוויסן ענין בינתיים, אבער אין פסוק שטייט ניט, דעריבער מוז רש"י צו צייכנען אז דאס איז ניט קיין ענין פון פשש"מ, אבער עס איז נאך אלץ ניט פארשטאנדיק נאך וואס דארף ער שרייבן אז דאס איז אין סוטה, ער האט געקאנט זאגן אז רבותינו אמרו וכו'.

און וויבאלד מען זעט, אז רש"י שרייבט צו אז דאס שטייט אין סוטה, איז א ראי' אז ער וויל מיט דעם שולל זיין אז דיין ראי' איז דוקא פון סוטה און ניט פון א אנדער ארט, ד.ה. אז דעם ענין שטייט אויך אין א צווייטן ארט, און רש"י



הנחה פרטית בלתי מוגה

איז דאס שולל, און איז מדגיש אז ראיתו איז דוקא פון סוטה און ניט פון א אנדער ארט, דארף מען פארשטיין פארוואס וויל רש"י בדוקא לערנען ווי אין סוטה און ניט ווי עס שטייט במקומות אחרים, וואס דער ענין ווערט געבראכט אין תרגום יונתן, ומדרש על ויגש, ועד"ז אין תנחומא אויף וישב וכו'?

ג) דאס וואס רש"י רעכנט דא אויס אלע צען נעמען, דלכאו' וואס איז נויטיק דא אויסרעכענען אלע צען, רש"י האט געקאנט אנהויבן מיט איין אדער צוויי דריי נעמען וכו', און צוצייכנן וכדאיתא בסוטה וכו', און ווי מען זעט דאס טאקע אין מסעי, וואס רש"י ברייננט דארטן פון מדרש בנוגע צו די אלע מ"ב מסעות, כאן חששנו בראש וכו', און ברייננט ניט די דרש אויף יעדער מסע נאר צייכנט צו דעם מדרש, עד"ז האט ער דא געדארפט טאן אזוי, מילא אויב דער ענין וואלט געשאנען אין ויגש, איז דארטן האט א ארט מפרש זיין די נעמען וויבאלד די נעמען ווערן דארטן אויסגערעכנט, אבער דא אין מקץ איז דער גאנצער ענין נאר מדרך אגב, האט ניט קיין ארט אויסרעכענען בדוקא אלע נעמען?

ד) דערנאך דארף מען פארשטיין בנוגע צום סדר פון די נעמען, וואס בדרך כלל דער סדר ווי ער רעכנט אויס די נעמען זיינען זיי על שם הסדר ווי זיי זיינען געבוירן געווארן, און עס איז פארשטאנדיק, אז בתחלה פון די ערשטע קינדער רעכנט ער אויס אט די ענינים וואס זיינען די מערסטע הארבסטע מאורעות וואס זיינען פארבונדן מיט יוסף, און נאך דעם גיין צו די גרינגערע;

איז לפי זה ניט פארשטאנדיק דער סדר פון די נעמען, וואס דער ערשטע נאמען הויבט ער אן מיט'ן גאר האבסטער ענין, "בלע - ע"ש שנבלע בין האומות", וואס דאס איז דער הארבסטע ענין צו זיין נבלע בין האומות, וואס קומט נאך "בכר - ע"ש (וואס ער איז געווען) בכור לאמי", וואס דאס איז לכאורה ניט אזוי הארב, ועד"ז ברייננגט נאך כמה ענינים וואס זיינען ניט הארב, וואס לכאורה איז פארשטאנדיק די סדר שבזה, אבער אז מען קוקט דעם לעצטן נאמען ברייננגט ער "ארד - ע"ש שירד לבין האומות", דלכאו' איז ניט פארשטאנדיק צוויי זאכן, א' וואס איז די אונטערשייד פון ארד ביז בלע, ביידע האבן דעם זעלבן תוכן? ב' אפי' עס איז דא א חילוק ביניהם און בלע איז מער הארב ווי ארד, אע"פ כן איז ניט פארשטאנדיק דער סדר, דאס וואס ער ברייננגט דעם ענין דא לסוף הענין דלכאורה דאס איז הארבער ווי בכור לאמו, און די אנדערע נעמען וואס ער רעכנט אויס, אויב אזוי האט ער דאס געדארפט שטעלן גלייך נאך בלע, און ניט ווארטן ביז דער סוף, ערשט דארטן שטעלן דעם הארבסטן ענין לאחר וואס ער הויבט אן רעכנן די גרינגערע ענינים?

ועד"ז דארף מען פארשטיין דעם צוויטן רש"י, וואס ער טייטשט אפ דעם נכמרו רחמיו, זאגט ער אז דאס איז נתחממו, און באגנוגענט זיך ניט מיט דעם אליין און ברייננגט ראי' פון לשון משנה, און נאך אלץ ניט גענוג און ברייננגט נאך דעם ובלשון ארמי, און נאך אלץ ניט גענוג און איז מוסיף ובמקרא, דלכאו' איז לגמרי ניט פארשטאנדיק:

ה) פארוואס דארף ער ברייננגען א ראי' לפי', פארוואס קאן מען דאס ניט איינלערענען בפשוטו, און אויב ווייל דאס איז ניט אזוי פשוט, איז פארוואס מוז ער האבן דוקא דריי ראיות און עס איז ניט גענוג איין ראי'.

ובפרט וואס מען זעט פון זיינע ראיות איין ראי' איז מלשון המשנה, א צווייטע מלשון ארמי א דריטע ממקרא, דלכאו' ממ"נ וואס פאר א ראי' ער וויל האבן, אויב ער זוכט האבן א ראי' פון לה"ק, האט ער געדארפט נאר ברייננגען פון משנה און ניט לשון ארמי, איז פארוואס ברייננגעט ער מלשון ארמי, און אויב ער ברייננגט שוין פון לשון המקרא וואס דאס איז אויך לה"ק האט געדארפט ברייננגען גלייך בתחלה פון

לשון המקרא, און ניט שטעלן אים צום סוף לאחר וואס ער ברייננגט מלשון המשנה וארמי וכו', ועד"ז בכלל ניט דארפן ברייננגען קיין אנדערע ראיות בשעת ער האט א בפירוש'ע ראי' מלשון המקרא, דארף מען ניט האבן מלשון המשנה ועאכו"כ מלשון ארמי?

ו) ועד"ז דארף מען פארשטיין בנוגע צום סיום פון רש"י, וואס ער פירט אויס דעם גאנצן פסוק פון "עורנו כתנור נכמרו - נתחממו", (איז ער **מוסיף**) ונקמטו קמטים קמטים מפני זלעפות רעב", דלכאו' וואס איז נוגע צולייגן דעם סיבה פון "נתחממו", מען זעט ניט אז פון די ערשטע צוויי ראיות זאל ער מוסיף זיין די סיבה, איז פארוואס עפעס דא, מילא דאס וואס רש"י איז מסיים "כן דרך כל עור כשמחממין אותו נקמט ונתכווץ", איז נוגע, ווארום דאס וויל ער מוסיף זיין אין דעם נקודה אז נכמרו מיינט נתחממו, אבער וואס איז נוגע די פרטים פון "מפני זלעפות רעב"?

ז) ועד"ז דארף מען פארשטיין בנוגע צו די ראיות גופא וואס רש"י ברייננגט,

ערשט ברייננגט ער פון לשון משנה, א משנה פון ב"מ, דלכאו' פארוואס דארף ער אנקומען צו ב"מ, עס איז דא א ראי', וואס שטייט אין א פריערדיקן מסכת, און דאס איז, אין יבמות, וואס דארטן ברייננגן ער דעם זעלבן לשון בנוגע צו א כומר, נאר דארטן רעדט זיך וועגען א כומר של ענבים, און דא רעדט זיך וועגען א כומר של זתים, אבער לכאו' טעמם שוה, איז פארוואס ברייננגט ער בדוקא פון ב"מ און ניט יבמות;

נאכמער, בשעת מען קוקט אין איכה, ווען רש"י טייטשט אפ דעם עורנו כתנור, ברייננגט ער טאקע דעם ראי' אויף נתחממו, פון יבמות און ניט פון ב"מ, אויב אזוי פארוואס דא ברייננגט ער פון ב"מ?

ועד"ז בנוגע די ראי' פונעם פסוק אין איכה, לכאו' פארוואס דארף רש"י אנקומען צו דעם וואס עס ברייננגט זיך אין כתובים, בעת אז עס שטייט שוין פריער אין נביאים, און הייבט דארף מען ניט זיין קיין בקי אין תנ"ך, נאר עס איז דא די ספרים וואס דארטן קאן מען אלץ אויסגעפינען, וואס עס איז דא דער קונקורדנציא, בשעת מען קוקט נאך די אלע ערטער וואו עס ברייננגט בנוגע צו נכמרו, געפינט מען דעם לשון אין מלכים, וואס עס שטייט בנוגע צו שלמה המלך - "כי נכמרו רחמיו", ועד"ז איז דא אין די הפטרה פון פרשת ויצא לויט אונזער מנהג, אדער ווי די אנדערע מנהגים פון פרשת וישלח, שטייט דארטן דעם לשון "נכמרו נחומי", אויב אזוי איז ניט פארשטאנדיק פארוואס האט ער געדארפט זוכן ברייננגען א ראי' פו כתובים, בשעת עס איז דא ווי דער ענין שטייט אין מלכים און אין הושע, (וואס מילא בנוגע צו די סדר הגמרות קאן מען זאגן אז די סדר איז ניט אזוי ברור, אבער בנוגע לתנ"ך, נביאים קומט פאר כתובים וואלט זיכער געדארפט ברייננגען פון א פריערדיקן ארט און ניט שפעטער)?

נאכמער, די צוויי ראיות פון מלכים און הושע זיינען בעסער ווי פון איכה, ווארום דארטן ווערט די נכמרו געניצט בנוגע צו רגש הלב פון א מענטשן משא"כ באיכה גייט דאס אויף דעם בשר האדם, ואפי' מען וועט זאגן אז עס איז ניט שווער ברייננגען פון כתובים, אבער מען זעט אז אין ב"ב ברייננגט ער א ראי' פון נביאים ווייל דאס קומט פאר כתובים.

בנוגע צום רש"י, דאס וואס ער הויבט אן פי' ערשט מיט'ן טעם, איידער ער גיט דעם אפטייטש, יובן בהקדם:

וואס עס איז דא ווי אונקלוס טייטשט אפ דעם ענין, וואס בכלל ער האט א שייכות צו פשש"מ, און ווי מען זעט דאס פון דעם וואס רש"י ברייגנט אים כמה פעמים בפי' וכו', דער אונקלוס טייטשט אפ נכמרו - אתגוללו, און דא וויל רש"י אויפטאן א נייעם פי' אז נכמרו מיינט ניט סתם אז אתגוללו אז עס איז נתגלגל געווארן ביי אים די רחמנות, נאר אז נתחממו אז די רחמנות איז געווארן אזוי שטארק ביז אז נתחממו, ובהיות אז דאס איז א נייעם פי', דארף רש"י ערשט ברייגנען א הוכחה פון דעם פסוק אז דער נכמרו איז ניט געווען סתם נתגוללו נאר נתחממו.

דעריבער דארף רש"י ערשט ברייגנען א הוכחה אז דא איז ניט געווען סתם אתגוללו נאר נתחממו, דעריבער ברייגנט ער דעם סיפור פון גמ', וואס פון יענעם

סיפור זעט מען, אז דער מצב איז געווען אזוי שטארק, ניט סתם אתגוללו נאר אז **נתחממו**.

און דאס זעט מען פון דעם עצם מעשה, וואס יוסף האט דערזען, אז ניט קוקנדיק אויף דעם וואס בנימין איז געווען 8 יאר יינגער פון אים, ווארום בשעת יוסף איז געבוירן געווארן האט יעקב געוואלט אוועק גיין פון לבן, דערנאך האט לבן איינגעבעטן ער זאל בלייבן נאך זעקס יאר, און נאך דעם איז ער געווען בדרך צוויי יאר, ביז לידת בנימין, קומט אויס אז בשעת יוסף איז אוועק געגאנגען פון בנימין איז ער אלט געווען 11 (9) יאר א קינד, און ער איז געווען אוועק פון אים א משך פון 22 יאר, ניט קוקנדיק אויף די אלע פרטים איז בשעת עס איז געקומען צו א נאמען געבן זיין ערשטע קינד וואס א נאמען איז א זאך וואס בלייבט אויפן גאנצן לעבן, איז נאך וועמען האט ער א נאמען געגעבן, ניט נאך זיין זיידע - אברהם, ע״ד ווי מען געפינט ביי נחור, אז זיין נאמען איז געגאנגען ע״ש זיינער א קרוב וכו׳, אדער געגעבן א נאמען ע״ש א מאורע וואס האט געטראפן מיט אים אליין, איז וואס פאר א נאמען האט ער געגעבן, האט ער א נאמען געגעבן ע״ש ״אחי״, און דאס איז ניט נאר אויף זיין ערשטערן קינד, נאר אויף יעדער איינער און איינער, צען! קינדער, יעדער איינער פון זיי נאך זיין ברודער, איז בשעת יוסף האט דאס דערזען, האט דאס גע׳פועל׳ט אויף אים ניט נאר א ענין של אתגוללו, נאר נתחממו.

נאך דעם וואס רש״י בריינגט שוין זיין הכרח אז מען קאן דא לערנען אז נכמרו מיינט נתחממו, אט יעמאלט דארף ער בריינגען ראיות אז דאס איז טאקע דעם טייטש פון נתחממו און ניט נאר ווייל עס איז מוכרח מצד דעם תוכן הענין.

איז דער ערשטער ארט פון וואו רש״י בריינגט זיין ראי׳, איז עס פון לשון המשנה, ווארום פון די פסוקים קאן ער ניט, ווארום פון דארטן איז קיין ראי׳ ניט אז נכמרו מיינט **דווקא** באופן של נתחממו, אפשר איז עס נאר אתגוללו, דעריבער מוז ער בריינגען א ראי׳ פון א ארט וואס עס איז א הכרח, אז נכמרו מיינט פשוט א ענין של נתחממו.

און אט דאס האט ער א ראי׳ פון די ערטער וואס ער גייט בריינגען, ערשט בריינגט ער אז מען געפינט דאס בלשון המשנה, און דאס וואס ער הויבט אן מיט לשון משנה דוקא, איז עס ווייל דאס איז בלשון הקודש, ובהיות ער וויל בריינגען א ראי׳ **להפסוק**, בריינגט ער בלה״ק, און די ראי׳ איז, אז דארטן בנוגע צו ״כומר של זתים״, אז דארטן איז געווארן א ענין של חמימות, און ער באניצט זיך מיט׳ן לשון כומר נכמרו.

אבער רש״י קאן זיך ניט באגנוגענען מיט די ראי׳ אליין, און מוז בריינגען א צווייטע ראי׳, און דאס איז, ווייל הגם כומר של זתים מיינט א ענין של חמימות, אבער אעפ״כ עס איז ניט קיין שטארקע ראי׳, בנדו״ד, ווארום דארטן גייט דער כומר אויפן כלי, און עס איז ניט קיין ראי׳ אז עס גייט בנוגע די פעולת החמימות.

דעריבער מוז רש״י בריינגען א צווייטע ראי׳, פון לשון ארמי, וואס דארטן מיינט כפשוטו אז די זאך אליין איז געווארן הייס, און דאס וואס רש״י באגנוגנט זיך ניט מיט דעם אליין, און מוז בריינגען אויך מלשון המשנה, און אויך ניט שטעלן דאס בתחלה, ווארום בהיות אז דאס איז בלשון ארמי, און דער פסוק איז בלה״ק, וויל ער בעסער ערשט א ראי׳ פון לשון הקודש, און מחזק זיין דאס מיט לשון ארמי.

און לאחר וואס ער האט שוין א שטארקער הכרח, בריינגט ער מלשון המקרא, וואס דאס איז די בעסטע ראי׳ אז אין מקרא אליין באניצט מען זיך מיט דעם, און דאס

וואס ער ברענגט דאס ניט גלייך בתחלה, ווארום דארטן גופא קאן מען טייטשן דעם נכמרו ניט נתחמם, נאר ווי די מפרשים טייטשן מלשון של שחור, אז עס איז שווארץ געווארן, עורנו, מפני זלעפות רעב, דעריבער די ערשטע זאך ברענגט רש"י אז מצאתי לה חבר אז נכמרו קאן מיינען ניט נאר שווארץ געווארן, נאר אויך נתחממו, און לאחר וואס ער האט א הכרח אויף דעם, קאן ער ברענגען דעם פסוק, און אזוי טאקע איינגלערנען אין פסוק גופא אז דאס מיינט נתחממו.

און דאס וואס רש"י מוז מוסיף זיין "מפני זלעפות רעב", ווייל ער מיט דעם מדייק זיין, אז דער רעב איז ניט נאר גורם א ענין של שחרות, נאר אויך א ענין של נתחממו, ע"ד ווי א תנור ניט נאר שהוא שחור נאר אויך א ענין של חמימות.

און דאס וואס רש"י ברענגט דוקא פון ב"מ, און ניט פון יבמות שמקודם לה, איז ווייל אין יבמות רעדט ער וועגן ענבים, און דער דיוק פון כומר מיינט ניט אזוי פיל דער ענין פון חמימות, נאר אז דאס פועל'ט אז די ענבים זאלן זיך גיסן, וואס ער ברענגט דארטן דעם דוגמא פון "שפתותיו דובבות בקבר", במילא איז קיין ראי' ניט לנדו"ד לענין של חמימות, דעריבער מוז ער ברענגען פון ב"מ, און דאס וואס אין איכה ברענגט ער ניט פון ב"מ, ווארום דער קינד וויסט שוין די אלע פרטים פון בראשית דארף מען ניט באווארענען - ברענגען פון ב"מ דוקא, נאר מען קאן אויך ברענגען פון א מסכת שמקודם לה - יבמות.